# פנים מאירות א לעכטיגן גוט מארגן ב שבוע של שבועות ב סיון תשפו

**קול פנים מאירות 845-414-8211 מערכת 845-414-8212**

א גוט מארגן ! מיטוואך, די וואך פון שבועות, ד׳ חודש סיון תשפ״ו. ״היום שמונה וארבעים יום, שהם שישה שבועות ושישה ימים לעומר״. א פרייליכע און א לעכטיגע געבענטשטע גוט מארגן ! א פרייליכע און א לעכטיגע געבענטשטע טאג, און א פרייליכע און א לעכטיגע געבענטשטע תמיד הייליגע פרייליכע לעכטיגע אידישע קינדער. ס׳קומט שוין דער הייליגער יום טוב שבועות. מארגן ביינאכט איז שוין ערב שבועות. מארגן ביינאכט איז די אונטערשטע ספירה פון תשפ״ו. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, היינט איז יסוד שבמלכות, מארגן איז מלכות שבמלכות. אונזער יסוד אין לעבן איז מלכות, מקבל צו זיין אויף זיך עול מלכות שמים. געדענקען, אונז דינען נישט זיך, אונז דינען דעם אייבערשטן. אונז זענען מבטל אלעס פון זיך, און אונז נעמען אן מיט הכנעה, מיט ביטול הרצון, אבער מיט שמחה ! **״טאטע, אזוי ווילסטו, אונז זענען דיר געטריי.״ אונז נעמען עס אן מיט א גוטע געשמאקע לעכטיגע פנים, געפיל, הארץ און מוח. ״איך בין דא פאר דיר, טאטע !״ דאס איז די יסוד פון מלכות, דאס איז מלכות שבמלכות.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער פלא יועץ, ביי די אות הילול, אות ה׳, שרייבט אזוי: ס׳איז ראוי אז מ׳זאל לויבן דעם אייבערשטן אויף יעדער טובה וואס ער טוט מיט אונז יעדן טאג. און בפרט, אז מ׳קען אויסרעכענען עפעס אן ענין וואס מ׳האט געטון און מ׳האט מצליח געווען, דארף מען תיכף דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מ׳האט מצליח געווען. דאס טייטש, האסט געהאט א גוטע מחשבה, האסט זיך געקענט שטארקן אויף פנים מאירות, אויף אמונה, אויף שלום, אויף בטחון, אויף שמחה. אויף שמירת העינים, שמירת הדיבור. האסט געהאט א גוטע איינפאל, הייליגע לעכטיגע קינדער, דאנק דעם אייבערשטן. ביסט א פרוי, האסט געבאקן, ס׳איז דיר איינגעפאלן א גוטע איינפאל, יישר כוח אייבערשטער, איך דאנק דיר אייבערשטער, מזמור לתודה הריעו לה׳ כל הארץ. כי טוב ה׳, ווייל דער אייבערשטער איז גוט, ס׳איז געלונגען די געבעקס. נאכאמאל דאנקען דעם אייבערשטן, נאכאמאל מזמור לתודה. אזוי איז ביים קאכן, אזוי איז ביי די וועש וואשן, אזוי איז ביי די הויז אויפריימען, אזוי איז ביי יעדע קינד עקסטער וואס מ׳האט מסדר געווען. די קינדער גייען ארויס אין די שולעס און די מוסדות, הודו לו ברכו שמו, יעדער איז ארויסגעגאנגען געזונטערהייט, יעדער איז געווען אנגעטון, יעדער האט געהאט זיינע חפצים ברוך הוי׳ ברוך הוא.

ביסט א מאן, ביסט אויפגעשטאנען ברוך ה׳, ביסט געווען אין מקוה, ס׳איז געוועןווארעם, האסט געהאט א האנטוך, ביסט געווען אין שאוער, האסט געהאט זייף, די וואסער איז געווען ווארעם. האסט געהאט א גוטע קאווע, האסט געהאט א גוטע מנין, האסט געהאט א גוטע בעל תפילה, האסט געקענט אזויפיל און אזויפיל מכוון זיין, האסט געקענט ארויסזאגן די ווערטער. האסט געהאט א גוטע חברותא, האסט געהאט א גוטע איינפאל ביים לערנען, א גוטע איינפאל ביים ארבעט, האסט געזען סיעתא דשמיא אויף יעדע טריט און שריט. מזמור לתודה איך דאנק דיך טאטע

**מ׳קומט אהיים, די קינדער קומען אהיים, ביידע עלטערן דאנקען דעם אייבערשטן אז מ׳קומט אריין אין לעכטיגע ווענט. מ׳קומט אריין אין א שטוב וואס ס׳איז דא גרידער. דו זעסט אז די הויז איז איבערגעדרייט, דאנק דעם אייבערשטן, וויפיל עקרות ווילן אן איבערגעדרייטע שטוב, וויפיל פארפעלקער ווינען שוין מ׳זאל שוין קומען איבערדרייען דעם שטוב. דאנק דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך, זע די גוטס פונעם אייבערשטן, זאג מזמור לתודה. מ׳געוואוינט זיך צו, אלעס איז טוב, אלעס איז חסד, אלעס איז שבח והודאה פאר׳ן אייבערשטן. אזוי געוואוינט מען זיך צו, מ׳בלייבט א פאזיטיווער, נישט א נעגאטיווער, מ׳בלייבט א פרייליכער, נישט א פארזויערטער מענטש. אה, ס׳איז אן עבודה, אבער א געשמאקע עבודה. אלעס איז אן עבודה. מ׳דארף זיך צוגעוואוינען. יעדע מחשבה וואס א מענטש האט א געלונגענע מחשבה, יעדע דיבור וואס א מענטש האט א געלונגענע דיבור, יעדע זאך וואס א מענטש וויל טון, טוט, טראכט צו טון, אויף יעדע זאך דארף מען עקסטער דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן און זאגן מזמור לתודה, מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר, אדון עולם, לעבן און דאנקען דעם אייבערשטן. נעם נישט פאר זיך גארנישט, געב אלעס פאר דעם אייבערשטן. אונז האבן נישט קיין כוחי ועוצם ידי, אונז קענען טאקע גארנישט, נאר דער אייבערשטער געבט אונז יעדע גוטע מחשבה, יעדע גוטע דיבור, יעדע גוטע מעשה, און יעדע גוטע זאך וואס גייט אונז אדורך, וואס אונז האבן געטון אדער וואס איז געטון געווארן פאר אונז.**

זאגט ווייטער דער פלא יועץ, און אפילו ווען א מענטש האט ייסורים חלילה, זאל ער דאנקען דעם אייבערשטן אז ער איז זוכה צו זיין פון די וואס ס׳שטייט אין פסוק ״אשר יאהב ה׳ יוכיח״. ער דאנקט דעם אייבערשטן אז ער איז נישט פון ״משלם לשונאיו״, פון די וואס דער אייבערשטער באשטראפט אים ווייל ער איז חס ושלום פון די נישט ערליכע. ער זאל דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז וויבאלד דער אייבערשטער האט אים ליב, זאגט ער אים מוסר דורך ייסורים. ייסורים איז א מוסר ספר פונעם אייבערשטן.

שרייבט ער ווייטער, דאנק דעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער האט נישט געגעבן שווערערע ייסורים, ביטערע ייסורים. דאנק דעם אייבערשטן אז ער איז רחום בדין. דאנק דעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער לאזט אים נישט איבער מיט אלע חטאים, עוונות, און פשעים אויף יענע וועלט, ער נעמט עס שוין אפ אויף די וועלט.

טאמער דער אייבערשטער טוט מיט דיר גאר גוטע זאכן, מער ווי ער געבט פאר אנדערע, דארף מען דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, איך בין עס נישט ווערד, ס׳קומט מיר נישט, ס׳איז חסד, ס׳איז רחמים, ס׳איז חמלה. און א מענטש דארף זיך אריינטראכטן און אריינקראצן אין זיך אז אלעס טוט דער

אייבערשטער, כי הוא הנותן כח לעשות חיל. ומידך נתנו לך, אונז טוען מיר גארנישט. אויב א מענטש איז זוכה צו חכמה, בינה און דעת, ברוחניות ובגשמיות, ווען א מענטש הארעוועט אויף גוטע מידות, ווען א מענטש קען טון א מצוה, ווען א מענטש האט געדאווענט, האט געזאגט א קאפיטל תהלים, האט געשמייכלט צו א איד, האט געגעבן צדקה, יעדע זאך, נעם נישט פאר דיר, געב עס פאר'ן אייבערשטן, דאנק און לויב דעם אייבערשטן.

יעצט זאגט דער פלא יועץ, הערט איר הייליגע לעכטיגע ווערטער, ער זאגט אזוי: **פאר יעדעם איינעם וואס געשעט פאר אים א נס, און ער זאגט אויף דעם שירה, וואס איז די שכר? אז דער אייבערשטער מאכט אים נאך א נס. זובח תודה ארענו בישע אלקים. איז דען דא, זאגט דער פלא יועץ, א זיסערע זאך פון דעם? ממילא הודו להשם כי טוב כי לעולם חסדו.**

דער פלא יועץ זאגט, אונז האבן מיר נסים יעדע רגע. אז מ'איז אויפגעשטאנען איז א נס, אז מ'האט געהאט א גוטע מחשבה איז א נס, אז דער קאפ ארבעט איז א נס, יעדע גוטע איינפאל איז א נס, יעדע גוטע דיבור, יעדע גוטע מעשה, אלעס וואס אונז טוען מיר זענען נסים. **דאנק דערויף, וועט קומען נאך א נס, וועט קומען נאך א ישועה, וועט קומען נאך א גוטע זאך. זובח תודה — דער אייבערשטער זאגט, אויב דו קומסט צו מיר מיט א קרבן תודה, ארענו בישע אלקים — וועט דער אייבערשטער דיר ווייזן ישועות, ס'וועט ברענגען א ישועה א ישועה. וואס זאגט דער פלא יועץ? איז דען דא זיסערס פון דעם אין לעבן?** איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער?

אויב אזוי פארשטייען מיר אונז זייער א שיינע מעשה. איינמאל זענען די צוויי ברידער, ר' חיים פון וואלאזשין מיט זיין ברודער ר' שלמה זלמן, געגאנגען אויפ'ן וועג. זיי זענען אנגעקומען צו א קרעטשמע, דער קרעטשמער איז געווען נישט א גוטע גוסטע, און ער האט זיך גענומען אויף זיי שרייען און מבזה זיין. און זיי דערנידערט, און נאכדעם האט ער זיי אוועקגעשיקט, ער וויל נישט זיי זאלן שלאפן דארטן אין דעם קרעטשמע. זענען זיי ווייטער געפארן און ווייטער געגאנגען. פלוצלינג זעט ר' חיים וואלאזשינער זיין ברודער ר' זלמן, ער וויינט. זאגט ער, "זלמן, פארוואס וויינסטו? איך האב מיך אפילו נישט וויסנדיג געמאכט פון די ווערטער וואס דער קרעטשמער האט דא געזאגט." האט ר' זלמן געזאגט, "טייערער ברודער חיים, חלילה, איך וויין נישט אויף דעם וואס יענער האט אונז אנגעשריגן, חס ושלום. נאר דו ווייסט וואס איז געשען? ווען יענער האט מיך אנגעשריגן, האב איך געהאט ווייטאג, איך האב געשפירט א צער. **איך וויין אז איך האב נאך נישט דערגרייכט די מדרגה וואס די חז"ל ווילן אז מ'זאל זיין 'הנעלבים ואינם עולבים', אז מ'זאל ווערן פארשעמט און נישט צוריק פארשעמען. אבער וואס שטייט נאכדעם? 'עושין מאהבה'. אפילו נאכדעם וואס מ'ווערט פארשעמט, טוט מען ווייטער די רצון השם מיט ליבשאפט. מ'נעמט אן דעם 'נעלבים ואינם עולבים' מיט ליבשאפט, 'שמחים ביסורים'. איך האב נישט געהאט קיין שמחה, איך האב עס נישט געטון מיט גענוג אהבה. איך וויין און איך בעט דעם אייבערשטן, איך וויל זוכה זיין צו דער גרויסער מדרגה."**צאיר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? דאס האט געזאגט ר' זלמן וואלאזשינער פאר זיין ברודער ר' חיים וואלאזשינער. דאס איז דאך נישט א פשוט'ע מעשה. דאס הייסט געלעבט מיט'ן אייבערשטן, דאס הייסט געלעבט מיט אמונה און בטחון, און דאס איז שלום. דאס איז דער עכטער תורה'דיגער, הכנעה'דיגער איד, וואס גלייבט אין יעדע ווארט פון חז"ל.

איך האב געזען אין א ספר פון א ליטווישער מגיד, וואו ער זאגט דארטן ענינים פון אמונה, און אינמיטן פארציילט ער אזא מעשה. פארציילט ער אזוי: איינער פון די יונגעלייט, א גרויסער תלמיד חכם, א גרויסער מתמיד, האט געהאלטן פאר'ן קויפן א דירה. יעדער איינער ווייסט די שוועריגקייטן וואס גייט אריין אין בארגן געלט. פון מענטשן, פון בענק, פון גמח'ן, א שווערע עבודה דאס קויפן א הויז. דער יונגערמאן איז געזעצן און געלערנט מיט התמדה און מיט א געוואלדיגע רואיגקייט. קיינער האט נישט געקענט דערקענען אויף אים אפילו אז ער האלט יעצט אינמיטן קויפן א הויז, וואס געווענליך ווען א מענטש קויפט א הויז גייט ער אדורך פיזור הנפש, בלבול המוחות, אנגעשטרענגטקייט. מ'האט גארנישט אין כולל געקענט דערקענען אויף אים.

איין טאג האט ער געטראפן דעם בעל דרשן וואס אונז זאגן יעצט איבער פון זיין ספר וואס ער האט געשריבן אויף אמונה. זאגט ער אזוי, ער האט געטראפן דעם יונגערמאן, און דער יונגערמאן זאגט אים אזוי: ער האט געטון גענוג השתדלות צו טרעפן די געלט צו קויפן די הויז, און צוויי טאג ארום דארף ער געבן נאך הונדערט טויזנט דאלער. ער האט עס נישט, ער האט שוין געטון גענוג השתדלות, ער פארלאזט זיך אויפ'ן אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט העלפן ער זאל עס האבן.

פרעגט אים דער איד, יונגערמאן, "פון וואו גייסטו עס האבן? הונדערט טויזנט דאלער, דו דארפסט עפעס טון!" האט דער יונגערמאן געענטפערט - ער איז געווען א ליטווישער יונגערמאן - האט ער געענטפערט אזוי: ס'שטייט אין בית הלוי אז דער שיעור וויפיל השתדלות א מענטש דארף צו טון איז נישט גלייך ביי יעדן מענטש, יעדער לויט זיין מדריגה. יעדער איינער ווייסט באמת צו ער איז רואיג אדער ער איז אנגעצויגן. לויט די אמת'ע רואיגקייט פון א מענטש, אזוי איז מען משפיע פאר א מענטש די שפע וואס ער דארף צו האבן מיט ווייניגער השתדלות.

זאגט ער, "איך ווייס ביי מיר אז איך בין באמת רואיג, 'השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך'. איך האב נישט קיין שום דאגה, איך האב נישט קיין זארג, איך האב נישט קיין פחד, איך האב נישט קיין ספיקות, און ממילא דארף איך נישט טון מער השתדלות."

# פנים מאירות א לעכטיגן גוט מארגן ב שבוע של שבועות ב סיון תשפו

קול פנים מאירות 845-414-8211 מערכת 845-414-8212

דער בעל דרשן האט אים געזאגט, ״דער אייבערשטער זאל דיר געבן ברכה מיט הצלחה, אשריך וטוב לך.״ אבער ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן, איז ער געגאנגען יענעם טאג, ער וויל זען דעם יונגערמאן. דער יונגערמאן אנגעקומען אין כולל, און ער גייט צו צו אים און ער זאגט אים, ״דו דארפסט דאך היינט ענדיגן קויפן די דירה, דו דארפסט הונדערט טויזנט דאלער.״ האט ער געענטפערט, ״יא, ס׳איז אמת.״ זיין ווייב האט אים עס אויך געזאגט, און ער האט געזאגט פאר זיין ווייב, ״ישועת ה׳ כהרף עין, זיי נישט באזארגט.״ ער גייט עס האבן, ס׳איז אלעס מסודר. ער האט בארואיגט די ווייב. דער מענטש האט געלעבט אין א געוואלדיגע, געוואלדיגע שלוות הנפש עד הסוף.

רבי ישראל סלאנטער שרייבט, איינער וואס איז מרבה מיט השתדלות, ער איז פון די כת הכופרים. וואס הייסט עס? ער גלייבט נישט גענוג אינעם אייבערשטן, און ער מיינט ער דארף מער טון, ער דארף מער טון, ער דארף מער טון. אבער באמת, ווי מער אמונה, ווי מער בטחון, ווי מער רואיגקייט, ווי מער טראסט און צוטרוי אין דעם אייבערשטן, וויניגער דארף מען טון.

ער גייט אין כולל, און פלוצלינג קלאפן אריין צוויי אורחים. די בעלת הבית עפנט אויף, און זי זעט צוויי קרובי משפחה וואס זיי וואוינען אין די מרחקים, זענען געקומען. עפעס האבן זיי געדארפט זיין אין געגנט, און זענען אריינגעקומען צו די קרובי משפחה. ער איז נישט געווען אינדערהיים, די בעלת הבית האט פארציילט אז זיי דארפן היינט האבן הונדערט טויזנט דאלער, און דער מאן גייט אין כולל מיט א רואיגקייט, מיט אמונה און בטחון אויפן העכסטן מדריגה. **די צוויי האבן געגעבן א טשעק פון פינף און פערציג טויזנט דאלער. פינף און פערציג טויזנט דאלער. אה, ברוך השם, פינף און פערציג טויזנט איז שוין דא.**

ווען ער איז אהיימגעקומען נאך די ערשטע סדר, די ווייב האט אים געוויזן אז דער אייבערשטער האט געשיקט פינף און פערציג טויזנט דאלער. ער האט זיך זייער געפרייט, געדאנקט דעם אייבערשטן, ״חסדי ה׳ כי לא תמנו״. און ער גייט זיך אראפלייגן, ער איז זייער מיד. די בעלת הבית איז געווען נישט ביי זיך. א מענטש וואס דארף נאך האבן פינף און זעכציג טויזנט דאלער, און ער גייט כאפן א דרימל? אבער ער האט אמונה און בטחון אינעם אייבערשטן. ער האט נישט קיין דאגה, אז ס׳איז נישט שייך צו זאגן אפילו אז ער קען נישט איינשלאפן. און די ווייב פרעגט אים, ״זאג נאר, דו גייסט קענען שלאפן?״ זאגט ער, ״אויב קען איך נישט איינשלאפן, דארף איך טון מער השתדלות, ווייל דאס איז א סימן אז מיין אמונה ובטחון איז נישט גענוג. איך האב אזא רואיגקייט, מיין גאנצע אמונה ובטחון איז אזוי רואיג, איך קען געהעריג שלאפן כאילו לא היה״. ווייל ביי זיך האט ער שוין די געלט.

ער שטייט אויף נאכמיטאג, ער איז נאך אינדערהיים, ער דרייט זיך אין שטוב, א חבר זיינער רופט אים אריין, א חבר וואס האט אים שוין זייער לאנג נישט גערופן. און דער חבר זאגט אים, ״שוין א לאנגע צייט וואס איך האב אוועקגעלייגט געלט, איך דארף עס נישט יעצט. איך הער אז דו קויפסט א דירה, איך קען דיר בארגן.״ ״וויפיל?״ ״פינף און זעכציג טויזנט דאלער.״ האלט מען שוין ביי הונדערט טויזנט דאלער, און דורך גארנישט טון.

און דער איד האט דאס מיטגעהאלטן. איז צוגעגאנגען דער בעל דרשן צו דעם איד מיט התפעלות, און ער זאגט, ״רבונו של עולם, וויאזוי האסטו זוכה געווען צו אזעלכע מדריגות אין אמונה ובטחון? וויאזוי ביסטו אנגעקומען צו דעם?״

האט אים דער יונגערמאן געזאגט, ״זאלסטו וויסן, אז נעכטן נאכט ווען איך האב זיך געשטעלט דאווענען מעריב, האב איך נישט געהאט קיין אהנונג וויאזוי איך גיי האבן די הונדערט טויזנט דאלער. אבער אינמיטן מעריב האב איך דערמאנט יציאת מצרים ביי קריאת שמע, און דערנאך קריעת ים סוף. דער רבינו יונה זאגט אויף די גמרא ׳כל הסומך גאולה לתפלה הרי זה בן עולם הבא׳, **אז א מענטש דארף זיך מדמה זיין און דורכלעבן קריעת ים סוף, און מיט די אמונה ובטחון דארף ער זיך שטעלן דאווענען שמונה עשרה, און אויב ער טוט אזוי איז ער א בן עולם הבא. איך האב זיך אריינגעלייגט אין קריעת ים סוף, איך האב זיך אריינגעלייגט אין די אמונה ובטחון פון ׳ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו׳, און אזוי האב איך זיך געשטעלט דאווענען שמונה עשרה מיט א געוואלדיגע שבח והודאה פאר׳ן אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו אזא אמונה.**

דער רבינו בחיי שרייבט אין חובת הלבבות,״ זאגט דער יונגערמאן, ״אז טאמער א מענטש׳ס הארץ איז נישט מיט אים, ער איז פארדאגה׳ט, ער איז טרוד, דער אייבערשטער ווייסט דאס, ער איז נישט זוכה צו א שפע מן השמים. ער מאכט נאך א חילול השם, ווייל קיינער ווייסט נישט וואס טוט זיך ביי אים אין הארץ. אבער איינער וואס ער לעבט מיט אמונה און בטחון, דער מאכט דאך א געוואלדיגע קידוש השם. איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו דעם, און איך לעב אין דעם, און איך גיי אן מיט דעם, און אזוי לערן איך תורה, אזוי בין איך מחנך מיינע קינדער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר אונז אריינטראכטן וואס דא טוט זיך. א כולל יונגערמאן מיט אזא אמונה, מיט אזא בטחון, מיט אזא אמת׳דיגקייט. ווייסט פארוואס? ווייל ווען ער דאווענט און ער זאגט ״ואמונה כל זאת״ ביי מעריב, ווען ער זאגט ״אמת ויציב״ ביי שחרית, ער טראכט זיך אריין אין די פירוש המילות, און ער גלייבט עס, ער איז דארט. ער גייט אדורך יציאת מצרים, קריעת ים סוף, די פערציג יאר אין מדבר, און אלע שוועריקייטן וואס כלל ישראל זענען אדורך, וואס אונז ווייסן מיר שוין היינט, וואס אונז לערנען מיר היינט אין די תורה, און אונז זעען מיר די געוואלדיגע סייעתא דשמיא, די געוואלדיגע הצלחת החיים וואס זיי האבן געהאט דורך זייער אמונה און בטחון אינעם הייליגן באשעפער, און ער לעבט עס אדורך.

# פנים מאירות א לעכטיגן גוט מארגן ב שבוע של שבועות ב סיון תשפו
**קול פנים מאירות 845-414-8211 מערכת 845-414-8212**

אזוי קען מען צוזאמשטעלן ווי גארנישט הונדערט טויזנט דאלער אן קיין שום השתדלות.
הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ס'איז געווען אמאל ביים אהבת ישראל זכר צדיק וקדוש לברכה, איינע פון די טעכטער, לא עלינו ולא עליכם, האט נישט גוט געשפירט, און ער האט געהאט גרויס צער, ס'האט אים זייער וויי געטון. די קומענדיגע מאל ווען דער אהבת ישראל האט געזאגט תורה, האט ער געגעבן א קלאפ אויפן הארץ, און ער האט געגעבן א זאג, "וויפיל איך הארעווע מיט מיר אז יענעמ'ס צרות זאל מיר וויי טון ווי מיינע, און איך בין נאך נישט צוגעקומען דערצו." ער האט זיך אזוי געקלאפט אויפן הארץ אז די טאכטער'ס ווייטאג, איר חולי, האט אים מער וויי געטון ווי אנדערע אידנ'ס. פארוואס דארף וויי טון יענעמ'ס און מיין אייגענע דאס זעלבע? די תשובה אויף דעם איז, ווייל אונז לעבן מיר מיט אמונה און בטחון, און ווען א איד לעבט מיט אמונה און בטחון איז נישטא קיין "איך", איז נישטא קיין "אנוכיות", אלע אנוכיות זענען בטל.

איינמאל ווען דער אהבת ישראל איז געווען אין וויען, האט געזען איינער פון די צדיקים וואס זענען פונקט דארט געווען, ווי ער נעמט ארום א מגושמ'דיגער מענטש מיט אזא ווארימקייט, און ער איז אים מורא'דיג מקרב. איז צוגעקומען צו אים דער צדיק און אים געפרעגט, "ווי קענט איר אזוי מכבד זיין אזא מגושמ'דיגע, פראסטע מענטש?" האט זיך אנגערופן דער אהבת ישראל, "שנאת חינם פארשטייט די גאנצע וועלט, אבער אהבת חינם דאס פארשטייט מען נישט. היתכן?."
א צווייטע מאל האט ער געזאגט, דער אהבת ישראל, "ענדערש זאל איך נכשל ווערן הונדערט מאל מיט אהבת חינם אויף אידישע קינדער, ווי איינמאל מיט שנאת חינם, חס ושלום." דער הייליגער אהבת ישראל האט געזאגט, אהבת חינם איז דער תיקון אויף שנאת חינם.

אבער דאס קומט אלעס דורך אמונה, שלום, בטחון און שמחה, דורך שבח והודאה פאר'ן בורא כל העולמים אויף טריט און שריט. הייליגע טייערע אידישע קינדער, אזוי גרייט מען זיך צו קבלת התורה. דאס איז קבלת התורה, דאס איז יסוד שבמלכות, מלכות שבמלכות, דער ביטול הרצון צום רצון השם, זיך מבטל זיין אינגאנצן צו אלעס פונעם הייליגן באשעפער, צו די תורה, צו וואס שטייט אין די תורה, צו אידישע קינדער, זיך מבטל זיין די אנוכיות, און גלייבן אז ס'איז נישטא קיין כוחי ועוצם ידי. גארנישט, איך דארף גארנישט טון פאר מיר, איך דארף מיר נישט אנעמען פאר מיר, איך דארף נישט זארגן פאר מיר. איך דארף נאר זארגן צו מפרסם זיין די כבוד שמים, צו מפרסם זיין אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט, דורך לערנען תורה, דורך הארעווען אויף תורה, דורך ליב האבן די תורה, דורך מקיים זיין די תורה, דורך זיין א בשמחה'דיגער, רואיגער, מנוחה'דיגער מענטש. במחשבה, בדיבור ובמעשה. איך ברענג אריין א פרייליכקייט און א לעכטיגקייט אין די גאנצע לופט ארום מיר. פיר און צוואנציג זיבן, נישט קיין חילוק וועלכע טאג, נישט קיין חילוק וועלכער זמן, אינמיטן, אנפאנג, סוף, וואו מ'שטייט און ווען מ'שטייט, וואו מ'איז און ווען מ'איז. יעדער מצב, יעדער זמן, יעדער מקום, שטענדיג פנים מאירות, אשב"ש - אמונה, שלום, בטחון ושמחה. אני שמח בחלקי שלי. ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום.
הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער אייבערשטער זאל העלפן זאלן מיר האבן א פתיחות המוח והלב צו קבלת התורה, צו די מסורה, צו די מנהגים, און זאלן מיר האבן די השגות וויאזוי צו באמת היטן די תורה, און דינען דעם אייבערשטן באמת ובלב שלם מתוך התלהבות און מתוך שמחה אמיתית. דער אייבערשטער זאל שיקן פאר יעדן איינעם ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, און א לעכטיגן תמיד אמן כן יהי רצון.

**אויף די פארלאנג פונעם ציבור אנשי שלומינו פון אנדערע געגנטער, וועלן אונזערע עסקנים צושטעלן דירות נאנט צום בית המדרש פאר די וואס ווילן מיטהאלטן די געהויבענע יום טוב שבועות בחצר הקודש. ביטע לאזט א מעסעדזש מיט אייער אינפארמאציע אויף 845-414-8212, עקסטענשאן 1.**

קול פנים מאירות

שיעורים אויף אלע עניני החיים תכונת הנשמה הנפש והגוף עס ברענגט א נעימות החיים

פנים מאירות אשב"ש א'מונה ש'לום ב'טחון ש'מחה

845-414-8211